Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

Najer Folksblat פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 299/1294 | Łódź, Czwartek 29 grudnia 1927 r. | פינפטער יאהרגאַנג | לאדז, דאנערשטאג, ה טבת תרפ"ח | Nr. 299/1294

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 71=24. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 2471.

# רומענישער מיניסטער פעראָרדענט
## צו בעפרייען די כוליגאנישע סטודענטען.

בוקארעשט, 28. (יט"א טעלעגראפיש) דער אונטערשטאַטס-סעקרעטאַר פון אינערן-מיניסטעריום פאטאראסקו האָט אויפגענומען א דעלעגאציע פון רומענישען סטודענטען-פערבאנד, וועלכער האָט געפאָדערט, אז ס'זאָל ערקלערט ווערען אַ'אַמנעסטיע פאַר די סטודענטען, וועלכע זענען פערמשפט געוואָרען פאַר זייער אנטיילנעהמען אין די יודישע פאָגראָמען.

די דעלעגאציע האָט אויך געפאָדערט, אז די 40 סטודענטען, וואָס זענען אַרעסטירט פאַר די אומרוהען ביז דער אויספאָרשונג זאָלען בעפרייט ווערען.

פאטאַרעסקו האָט אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג צו בעפרייען די אַרעסטירטע, ערקלערענדיג דערביי, אז די רעגירונג וועט אומבארמהערציג דערשטיקען יעדען נייעם פרווו פון אומרוהען.

### ראבינער נוראק זיך אפגעזאגט
#### צו שאפען דעם ליטווישען קאבינעט.

ריגא, 28. (יט"א טעלעגראפיש) די מיסיע, וועלכע ראבינער נוראק האָט דערהאלטען פונ'ם מלוכה-פרעזידענט אויף צו שאפען אַ נייע רעגירונג איז איהם נישט געלונגען. ראבינער נוראק האָט דעריבער היינט מיטגעטיילט דעם מלוכה-פרעזידענט, אז ער זאָגט זיך אפ פון דער מיסיע צו שאפען דעם נייעם מיניסטאָרען קאבינעט.

———

### זיצונג פון קוראַטאריום פון יודאיסטישען אינסטיטוט

בערלין, 28. (יט"א טעלעגראפיש) אין מיינץ איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון קוראטאָריום פון אינסטיטוט פאַר יודישער וויסענשאפט ביי דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים. אין דער זיצונג האָט זיך בעטייליגט ד"ר מאַגנעס. ס'איז בעהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען דער יודישער קאַטעדרע ביים העברעאישען אוניווערזיטעט.

———

בצער עמוק מהמות הפתאומית מאדוננו הבלתי נשכח הנגיד הישיש החסיד המפורסם לשבח ולתפארת המכתר ובמעלותיו התרוממות

נ. ע. אברהם מענדל ב"ר חיים אליעזר ז"ל ווארשאווסקי

מיסד ושותף מהפירמא „א. מ. ווארשאַווסקי ובניו"

מביעים אנחנו את גודל רגשת צערנו העמוק להאדונים הנשארים וגם להמשפחה.

בהמנוח אנו מתאבדים בעל-יועץ עדין ואפוטרופס נאמן. אשר זכרו לא נשכח מלבנו לנצח.

בשם כל העובדים בהלשכה דוד גלובינסקי

## עפענטליכע ערקלערונג!

מיר אונטערגעשריבענע יורשים פון אונזער זעליגען פאָטער ר' שלמה גראס ז"ל געבען איבער דער עפענטליכקייט דעם אמת געגען דעם נידערטרעכטיגען אַרויסטריט פון אונזער שוואָגער ה' קאַלושינסקי מיט זיין אַנאָנס אין נעכטיגען נומער „נייער פאַלקסבלאַט" געגען אונזער געעהרטען ברודער און שוואָגער ה' איטשע גראס פון נאַוואָמיעסקאַ 11. מיר ערקלערען זיין אַרויסטריט פאַר אַ נידערטרעכטיגען ליגען. נור למען האמת גיבען מיר איבער דער עפענטליכקייט, אַז אַ חוץ דעם, וואָס די זעלבע שוועסטער קאַלושינסקאַ האָט מיט איהר ברוטאַלער אויפפיהרונג געגען אונזערע עלטערן ז"ל פערקירצט און אַוועקגערויבט זייערע לעצטע יאָהרען, פאַר וועלכען אונזער גאָטזעליגער פאָטער ז"ל האָט פאַר זיין טויט איבערגעלאָזט אַ צוואה, אַז מען זאָל די זעלבע שוועסטער מעביר גחלה זיין, אַז פון זיין ירושה זאָל זי גאָרנישט בעקומען. דאָך האָבען מיר, למען השלום, איהר קיין עולה נישט געטון און זי האָט איהר טייל גלייך מיט אַלע יורשים בעקומען. נאָר צוליב איהר ווייטערען ברוטאַלען אַרויסטריט איז געקומען צו אַ קליינעם קאָנפליקט. אונזער ברודער אַלס עלטסטער האָט געמוזט שיצען אונזער כבוד און אויך דעם כבוד פון אונזערע עלטערן ז"ל און האָט איהר מיט ווערטער אָפגעענטפערט, אָבער ח"ו קיין האַנד געגען איהר נישט אויפגעהויבען.

מיר ערקלערען דעם ה' קאַלושינסקי, אַז פאַר זיין ברוטאַלען אַרויסטריט וועלען מיר זוכען סאַטיספאַקציע אויפ'ן געריכטליכען וועג און מיר וועלען מיט איהם מעהר קיין געמיינזאַמעס נישט האָבען. ווייטערע ערקלערונגען זענען איבריג און דערמיט איז דער ענין ערלעדיגט.

יורשי המנוח ר' שלמה גראס ז"ל

וואלף גראס, אברהם הערשענבערג, חיים בודע, מנחם גראס, ז. ליטמאנאוויטש.

173

## קאמוניקאט.

צענטר. סוחרים= און פאבריקאנטען=פערבאנד

אויף לאדזער וואיעוואודזטווא, פיעטריקאווער 10.

מיר האָבען דעם כבוד מיטצוטיילען אונזערע ג' מיטגלידער, אַז אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון דער אויסערגעוועהנליכער אַלגעמיינער מיטגלידער-פערזאַמלונג פון סוחרים=און פאַבריקאַנטען-פעראיין אין לאדז און אומגעגענד (פאלודניאווא 15) פון 13. נאָוועמבער 1927, איז פאָרגעקומען

אַ צוזאַמענגיסונג פון דעם פעראיין מיט אונזער פערבאַנד.

די פערוואַלטונג פון צענטר. סוחרים=און פאַבריקאַנטען=פערבאַנד אויף דער לאָדזער וואָיעוואודזטווע, פעטריקאווער 10.

172

## קאמוניקאט.

די פערוואַלטונג פון

סוחרים=און פאַבריקאנטען=פערבאַנד

אין לאדז און אומגעגענד, פאלודניאוואַ 15

מאַכט בעקאַנט, אַז אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון דער אויסערגעוועהנליכער אַלגעמיינער מיטגלידער-פערזאַמלונג פון 13. נאָוועמבער 1927, איז פאָרגעקומען

די צוזאַמענגיסונג מיט'ן צענטר. סוחרים=און פאַבריקאַנטען-פערבאַנד

אויף דער לאָדזער וואָיעוואודזטוואָ (פעטריקאווער 10) אין אַלע אַנגעלעגענהייטען פון פעראיין און מיטגלידער ווערען ערלעדיגט אין צענטראַלען סוחרים=און פאַבריקאַנטען=פערבאַנד אויף דער לאָדזער וואָיעוואודזטווע (פעטריקאווער 10) אין די ביורא-שעה'ן פון 9 ביז 1 מיטאָג און פון 4 ביז 8 אָוונעד.

די פערוואַלטונג.

172

בלב נרגש אנו מביעים את צערנו העמוק לחבר הועד שלנו מר

בנדיט ורשבסקי למות אביו

אברהם מנחם ז"ל

בעבודתי לרעיון ה„מזרחי" ימצא נחם.

ועד „המזרחי"

וועד בית התפלה „שערי=מזרח".

164

